**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/15/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

**גאווערנאר האוקאל אנאנסירט נייע רעקארד אין צאל רייזנדע אויפן סאָבוועי אין תקופה פון די פאנדעמיע**

***צאל סאָבוועי רייזנדע גייט אריבער 3.2 מיליאן אום אקטאבער 14 צום ערשטן מאל זינט אנהויב פון די פאנדעמיע***

***סערוויס דעליווערי פארבעסערט צו 92%***

***סאָבוועי, באסעס און קאמיוטער באנען וועלן צוזאמען בקרוב איבערשטייגן 5 מיליאן טעגליכע רייזנדע***

גאווערנער קעטי האוקאל האט היינט אנאסירט א נייע רעקארד פון רייזנדע אויפן סאָבוועי דורכאויס די פאנדעמיע מיט 3,236,904 אום דאנערשטאג, אקטאבער 14, איבערשטייגנדיג די פאריגע רעקארד אום אקטאבער 7 מיט כמעט 50,000 מער רייזנדע. סטעיט איילענד רעילוועי האט אויך געבראכן א רעקארד, טראגנדיג 7,367 רייזנדע, און צוזאמען מיט די סאָבוועי איז די צאל רייזנדע געווען 3,244,271. אין אלגעמיין האט די סאָבוועי סיסטעם געפירט מער פון 3 מיליאן פאסאנזשירן אכט מאל אין אקטאבער ביז יעצט.

די גאווערנאר האט אויך אנאנסירט אז די סערוויס דעליווערי אויף די ניו יארק סיטי סאָבוועי – מיינענדיג די פראצענט פון פלאנירטע באנען וואס פארן ארויס דורכאויס די פארנומענע שעה'ן – געמאסטן לענגאויס די פארנומענסטע טייל פון די ליניע, האט זיך פארבעסערט צו 92 פראצענט אין אקטאבער, מיט טעגליכע פארשפעטיגונגען אראפ מיט מער פון 13 פראצענט, פירנדיג צו נאך א נייע רעקארד פון פאסאנזשירן דורכאויס די פאנדעמיע אום דאנערשטאג, אקטאבער 14.

"רעקארד ברעכנדע צאלן פון רייזנדע אויף פובליק טראנספארטאציע שיקט די סיגנאל אז ניו יארק קערט זיך צוריק אימער שטערקער", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "באסעס, סאָבוועיס און קאמיוטער באן סיסטעמען זענען די רוקן ביין פון אונזער עקאנאמיע אזוי ווי מענטשן קערן זיך צוריק צום ארבעטספלאץ, און מיר וועלן ווייטער ארבעטן צוזאמען מיט די MTA צו ממשיך זיין צו שמירן די רעדער ווען זיי זענען הייס."

די צאל פאסאנזשירן אויף די באסעס איז ממשיך זיך צו ערהוילן, פירנדיג מער פון 1.4 מיליאן רייזנדע ניין מאל דעם חודש. ניו יארק סיטי טראנזיט'ס (New York City Transit, NYCT) אלע טראנספארטאציע מיטלען האבן צוזאמען געפירט מער פון 4 מיליאן רייזנדע אויף ניין באזונדערע טעג אין אקטאבער.

אין צוגאב צו די ערמוטיגנדע צאלן אויף סאָבוועיס און באסעס, ווייזןביידע קאמיוטער באנען ווייטער סימנים פון א שטארקע ערהוילונג. מעטראָ-נאָרט צאל רייזנדע דורכאויס די טעג פון די וואך איז געווען קביעות'דיג ארום 122,000. די לאנג איילענד באן האט געהאט אין דורכשניט 150,000 יעדע וואכנטאג

אין אקטאבער. די סך הכל פון NYCT באַסעס און סאבוועיס אויסגעמישט מיט די לאנג איילענד באן און די מעטראָו-נאָרט באן זענען אריבערגעגאנגען 5,000,000 רייזנדע אום אקטאבער 14.

**MTA צייטווייליגע טשעיר און CEO, דזשאַנאָו ליעבער, האט געזאגט**, "ניו יארקער ווייזן מיט זייערע מעשים אז זיי פילן זיכער און באקוועם זיך צו באנוצן מיט פובליק טראנספארטאציע, און מיר זענען באגייסטערט זיי צוריק צו אויפנעמען. זאלן די געבראכענע רעקארדס ווייזן אז די MTA איז אפיציעל צוריק אויף די רעלסן און גרייט צו פירן די ראיאן'ס ווידער אויפלעבונג."

די לעצטיגע געבראכענע רעקארדס אין צאל רייזנדע וועלכע זענען געבראכן געווארן קומען עטליכע וואכן נאך די אויטאריטעט האט אפיציעל געעפנט "[Welcome Back New York](#)" (ברוכים השבים, ניו יארק), א פעסטע פובליק קאמוניקאציע קאמפיין געציהלט צו ערמוטיגן ניו יארקער זיך צוריק צו קערן צו די סיסטעם.

די MTA האט אונטערגענומען פרעצעדענטלאזע רייניגונג און דיסאינפעקטירונג פראטאקאלן דעם יאר זינט די פאנדעמיע האט זיך אנגעהויבן כדי צו זיכער מאכן אז די סיסטעם איז די זיכערסטע וואס נאר מעגליך פאר אירע פאסאנזשירן. די אויטאריטעט האט אויך דורכגעפירט פובליק אויפקלערונג קאמפיינען און אויסגעטיילט מיליאנען מאסקעס צו די פאסאנזשירן.

בעפאר דער פאנדעמיע איז דער דורכשניטליכע פארערשאפט סך הכל געוועגליך איבערגעשטיגן 5.5 מיליאן אין דער סאבוועי סיסטעם. די ציפערן זענען געפאלן מיט 95 פראצענט צו אזוי ווייניג ווי בערך 300,000 טעגליכע רייזעס אין אפריל 2020, אין די צייט ווען די צאל פון קאוויד-19 פעלער זענען געווען ביי א הויכפונקט אין די ניו יארק סיטי געגנט. עם-טי-עי ארבעטער זעצן פאר ווייטער צוצושטעלן סערוויס פאר די פראנט-ליניע געזונטהייט קעיר פראפעסיאנעלן און אנדערע נויטיגע ארבעטער וועלכע נייטיגן זיך אנצוקומען די דער ארבעט אין לויף פון עטליכע פון די שווערסטע טעג אין ניו יארק סיטי היסטאריע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי[www.governor.ny.gov](#)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | [press.office@exec.ny.gov](#)

[זיך ארויסשרייבן](#)